שנה ג'
נומער קכ"ז
**פרשת בחקותי**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלומל



קומענדיגע וואך אי"ה
פארגרעסערטע שבועות אויסגאבע
ווארטס מיט שפאנונג

# ל"ג בעומר אין שטעטל

**מעשיות פון תפלה:**
### שטוינענדע מעשיות פון תפלה היינטיגע צייטן

**בילדער אפטיילונג:**
### בילדער פונעם באזוך אין ארץ ישראל דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר



דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין היכל הקודש ירושלים זונטאג בחוקותי

# קרית ברסלב ליבערטי


רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# בריוו
*צו דער רעדאקציע*

## נישט באקומען דעם בלעטל

לכבוד די מערכת פון קרית ברסלב בלעטל.

א גאנצע וואך ווארט איך שוין ווען די בלעטל גייט אנקומען צו מיר אויף די פאסט, אבער פארגאנגענע וואך האב איך דאס נישט באקומען, איך האב מיר געשטארקט נישט צו ווערן צובראכן פון דעם, ווייל וואס דען שטייט אין די בלעטל יעדע וואך, אויב נישט דאס אז מען זאל לעבן מיט'ן אייבערשטן, און וויסן אז אלעס איז דער אייבערשטער, איך האף עס וועט קומענדיגע וואך יא אנקומען, ווייל דאס איז מיין חיות פאר די גאנצע וואך.

שטארק אייך מיט אייער הייליגע ארבעט וואס איר טוט.

***

רעדאקציע: אנטשולדיגט אז איר האט נישט באקומען דעם בלעטל, עס ווערט געדרוקט יעדע וואך ביי קרן הדפסה היכל הקודש אין שטעטל, פארגאנגענעם וואך האט מען זיך אריבער געצויגן פונעם פריערדיגן בנין צום נייעם בנין וואס איז נארוואס געווארן אפגעקויפט.

מען האט געהאפט אז עס וועט יא זיין מעגליך צו דרוקן אלע גליונות, און אזוי אויך די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל, אבער למעשה איז עס נישט צושטאנד געקומען, אביסל האט מען געדרוקט ביי א אנדערע דרוק פאר מער געלט, אבער אויף די פאסט האט מען שוין נישט געקענט ארויסשיקן.

# זמנים
Liberty

הדלקת הנרות ......... 08:05
מוצאי שבת ........... 09:35
פרשת בחוקותי כ"ז אייר תשפ"ב מנחה מעריב במדבר.....9:05
דאנערשטאג מנחה 08:45. מעריב נאכ'ן שיעור

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו**
**וזוגתו פייגא יוטא תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער זוהן למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.




# וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 27 | 66°/49° | | Showers |
| Sat 28 | 68°/48° | | Mostly Sunny |
| Sun 29 | 75°/55° | | Mostly Sunny |
| Mon 30 | 81°/60° | | Partly Cloudy |
| Tue 31 | 83°/60° | | Partly Cloudy |
| Wed 01 | 79°/57° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 02 | 74°/55° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 03 | 69°/54° | | AM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים וויסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

**קרית ברסלב בלעטל**

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

## תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

**אדרבה איבערצייגט אייך אליין**

282 • DESIGN | 845.406.4250

# היכל הקודש נייעס

ארץ ישראל

## דער ראש ישיבה אויף א באזוך אין ארץ ישראל



מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו אין ארץ ישראל אויפגענומען די גוטע בשורה ווען זיי האבן געהערט אז דער ראש ישיבה שליט"א גייט זיך אריבערכאפן אויף ארץ ישראל צו וויילן ביי רבי שמעון אין מירון אין די יומא דהילולא - ל"ג בעומר.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט מאנטאג ביינאכט מיט זיין ווייב און צוויי קינדער, פארן ארויפגיין אויפ'ן פליגער האט דער ראש ישיבה געשריבן א בריוו צו אנשי שלומינו:

*"געלויבט דעם אייבערשטן איך בין יעצט אין ערפארט, נאך אפאר מינוט גיי איך ארויף אויפ'ן פליגער; מיר פארן צו די הילולא פון ל"ג בעומר, זיין אין מירון ביים ציון התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, איך וועל אם ירצה ה' בעטן פאר דיר".*

דינסטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א אנגעקומען אין מירון נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן ער זאל קענען אנקומען בשלום, עס איז נישט געווען גרינג דאס יאר אנצוקומען קיין מירון, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן יענעם טאג אין א בריוו:

*חסדי השם יתברך איך בין אנגעקומען בשלום קיין ארץ ישראל, יעצט געפין איך זיך אין מירון. איך בין זייער פרייליך אז איך בין אין ארץ ישראל, איך וועל זוכה זיין צו זיין ל"ג בעומר ביום הילולת התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי פועל'ן ישועות. צדיקים טייטשן אויפ'ן אויסדרוק וואס די הייליגע חכמים זאגן (ברכות ט.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמוֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחָק", דאס מיינט מען, אז ווען מען איז בדחקות העלפט רבי שמעון בר יוחאי.*

*אנקומענדיג אין מירון איז געווען פארמאכט, מען פארמאכט די וועגן צו קומען קיין מירון; אבער תפילה עפנט אלע טירן.*

*איך האב זיך געטראפן מיט אנשי שלומינו; עס איז אזא שמחה זיך צו טרעפן מיט אנשי שלומינו.*

אויך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אינעם בריוו איבער דאס וואס ער האט באקומען אין עירפארט גלייך ביים אנקומען:

*אין ערפארט האב איך באקומען א שיינע מתנה, מען האט מיר באוויזן די נייע קינדער בוכל "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" אין אידיש און אין לשון הקודש; אזוי שיין. אויך האט מען מיר באוויזן דעם ספר "איש אמונות", גרייט צו דרוקן.*

מיטוואך אינדערפרי ערב ל"ג בעומר איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף צום ציון און אויסגעזאגט גאנץ תהילים, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו יענעם טאג:

*היינט אינדערפרי בין איך געווען ביים ציון. אין די מערה קען מען נישט בלייבן שטיין, מען קען נאר אריבערגיין, מען טרייבט ארויס; ביים ארויסגיין, פון אונטן - קען מען בלייבן שטיין, איך האב זיך דארט אוועקגעשטעלט זאגן תהלים, איך האב זיך געקענט אביסל אויסגיסן דאס הארץ, איך האב אויסגעזאגט תהלים.*

עס האט זיך געטוהן א איבערקערעניש אין מירון, ווייל די פאליציאנטן האבן געמאכט מען זאל זיך נישט קענען פירן אזוי ווי מען איז צוגעוואוינט אלע יארן, וואס דאס האט געברענגט אסאך קריגעריי, אבער פאר אונז האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן מען זאל זיך נישט קריגן:

*אונזער כח איז נישט קיין מלחמות, אונזער כח איז נישט הפגנות; מיר האבן נישט קיין שייכות מיט די ערב רב וואס ווילן אויסרייסן די תורה. אזוי ווי מיר שלאגן זיך נישט מיט גוים - שלאגן מיר זיך נישט מיט זיי וד"ל.*

*אשרינו מה טוב חלקינו אשר בנחל שם גורלינו.*

ל"ג בעומר ביינאכט איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף צו די מערה פון רבי שמעון, און דערנאך ארויס אינדרויסן פון די מערה וואו עס האבן געטאנצן טויזענטער אידן צוזאמען, דער ראש ישיבה שליט"א האט דארט געטאנצן מיט אנשי שלומינו פאר א לענגערע צייט. ווי דער ראש ישיבה האט געשריבן:

*נעכטן נאכט בין איך ארויף טאנצן, עס זענען זיך צאמגעקומען אנשי שלומינו, מען האט געטאנצן אזוי לעבעדיג, אזוי פרייליך, איך האב געשפירט ביים טאנצן וואס איך האב נאכנישט געשפירט, אזא שמחה! מען קען דאס נישט מסביר זיין.*

אויך איז פארגעקומען ל"ג בעומר ביינאכט א פרייליכע סעודה ביי הרה"צ קארלסבורגער רב שליט"א - טאטע פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט מיטגעהאלטן פון אנהייב ביז'ן סוף. פאר די סעודה האט מען געצינדן ליכט און דערנאך זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, שפעטער האט מען זיך געוואשן צו א גרויסארטיגע סעודה לכבוד די הילולא.

ל"ג בעומר נאכמיטאג איז מען זיך נאכאמאל צאמגעקומען אין קארלסבורג ווי מען האט געמאכט א הדלקה לכבוד דעם גרויס'ן טאג, און זיך געפריידט פאר א לאנגע צייט.

נאך אזא דערהויבענעם ל"ג בעומר האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעדריקט אין א בריוו:

"טייערע אנשי שלומינו, דא אין מירון ביי רבי שמעון איז א מורא'דיגע פרייד, מען שפירט א מורא'דיגע שמחה און אחדות, ל"ג בעומר טאנצט מען דא, אלע סארט אידן טאנצן שולת אויף שולת אינאיינעם, א זאך וואס מען זעט נישט ערגעץ אנדערש, בפרט די יאר איז געווען אן אויסנאם פון שמחה, נאכדעם וואס מען איז געווען דערשראקן אז מען גייט נישט קענען קומען; די אלע וואס האבן זוכה געווען צו זיין דא האבן זיך אזוי מאחד געווען, מיט א גרויסע שמחה".

שבת האט דער ראש ישיבה שליט"א געפראוועט אין מירון ביי זיין טאטע דער קארלסבורגער רב שליט"א צוזאמען מיט אסאך פון אנשי שלומינו. ביי די סעודה שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה'ס טאטע מכבד געווען דעם ראש ישיבה שליט"א צו רעדן אפאר ווערטער.

דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט פון דעם וואס חז"ל זאגן הרבה עשו כרבי שמעון, אסאך האבן געוואלט נאכמאכן רבי שמעון אבער עס איז נישט געגאנגען, "א מענטש דארף זעהן נישט צו זוכן גרויסע היכע קבלות, מען דארף נעמען קבלות וואס מען קען טוהן אויף **לעובדא ולמעשה**, אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון די געוואלדיגע עצה וואס מען דארף מיטנעמען, וואס דאס איז תפילה והתבודדות, זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיט'ן אייבערשטן ביי יעדע מצב וואו מען איז, און געדענקען אז דער אייבערשטער האט ליב יעדן איד אין יעדע צייט".

מוצאי שבת איז דער ראש ישיבה געפארן קיין יבנאל און געפראוועט מלוה מלכה ביי הרב רבי יצחק לעסער שליט"א, צוזאמען מיט א שבע ברכות ביי אן אייניקל פון רבי יצחק שליט"א.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דארט גערעדט אפאר ווערטער און געזאגט: "היינט איז די יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס געפאלט אויס ביי די ספירה פון **"חסד שביסוד"** וואס דאס האט מוהרא"ש געזוכט, אריינצוברענגען אין אונז אז מען זאל חתונה מאכן די קינדער ווען זיי זענען נאך ריין און ערליך".

אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט אז עס איז נישט שייך צו ווערן א ערליכער איד אויב מען איז נישט דבוק אין א ערליכער איד און מען פאלגט אים, דאס איז וואס מען זעהט ביי יעדן דף אין זוהר הקדוש, "וואויל זענען די צדיקים וואס וויסן די סודות התורה, און וואויל זענען די מענטשן וואס גייען נאך די צדיקים".

שפעט ביינאכט איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען צום ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו און זיך דארט גוט אויסגעוויינט און געבעטן פאר זיך און פאר יעדן איינעם בפרטי פרטיות.

בשעת דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען ביים ציון איז אויך דארט געווען הרב רבי נחמן שיק שליט"א זוהן פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א צוריק געפארן קיין מירון און זיך געשטעלט דאווענען שחרית כוותיקין.

שפעטער האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט צו די הייליגע קברים פון די תנאים ואמוראים וואס ליגן אין שטאט טבריה, און אויך צו די תלמידי בעל שם טוב הקדוש אין טבריה.

פון דארט האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעלאזט אין וועג קיין ירושלים זיך צו טרעפן מיט אנשי שלומינו היקרים, און ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו:

"מאנטאג נאכט וועל איך זיין אין ירושלים, איך וויל זיין א טאג מיט אנשי שלומינו פון ארץ ישראל. זיי זענען נאכנישט אלט, זיי זענען פריש, איך האף זיי וועלן בלייבן פריש; זייער קאפ טראכט נישט פון זיך באקוועם מאכן, זיי טראכטן פון הפצה, 'נאך א איד זאל וויסן פון הייליגן רבינ'ס עצות'. איך קען נישט גיין צווישן מענטשן ווייל וואו איך גיי און שטיי קומען מענטשן זאגן ווי זייער לעבן האט זיך אנגעהויבן פונדאסניי זינט זיי הערן די זיסע עצות פון רבי'ן און דורך די בריוו וואס זיי ליינען. מיר דארפן צוריק פריש ווערן".

די שמחה איז געווען גאר גרויס ווען אנשי שלומינו האבן זיך געטראפן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א נאכ'ן זיך נישט זען פאר א שטיק צייט.

דער בית המדרש איז געווען איבערגעפולט מיט אנשי שלומינו, אויך האט מען געעפענט די ווייבער שול כדי עס זאל זיין פלאץ צו מיטהאלטן דעם שיעור פונעם ראש ישיבה. דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן גאר א שיינעם שיעור פון וואס אלע זענען ארויס מיט חיזוק און עצות אויף ווייטער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט פון די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען 'התבודדות - רעדן צום אייבערשטן', "וואו איך בין רעד איך צום אייבערשטן, איך **מאך מיט די ליפן** און שטילערהייט בעט איך דעם אייבערשטן וואס איך דארף".

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארום גערעדט פון דעם אז מען דארף איבערגעבן די זיסע עצות פאר נאך אידישע קינדער וואס וויסן נישט פון דעם, און זיי האבן נאך נעבעך א שווער לעבן ווייל זיי וויסן נישט אז מען קען אלעס פארציילן פאר'ן אייבערשטן.

ביים סוף איז פארגעקומען א סיום הש"ס פון א אינגל און א סיום הש"ס פון א בחור, נאכ'ן סיום האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ פאר א שטיק צייט, זיך פרייען אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם רבי'ן וואס געבט אונז א וועג צו לערנען אין אלע מצבים, און לערנט אונז אויס אז אפילו איך פארשטיי נישט וואס איך לערנען, זאל איך ווייטער לערנען, און ביים סוף וועט מען שוין זוכה זיין צו פארשטיין.

בשעת דער ראש ישיבה האט געגעבן דעם שיעור, זענען זיך צאמגעקומען די נשות אנשי שלומינו אינאיינעם מיט די ווייב פונעם ראש ישיבה, אין שטוב פון משפחת פערל, און פארברענגט און גערעדט צוזאמען שיינע מעשיות פון תפילה און נאך.

נאכ'ן שיעור איז פארגעקומען א התחלת כתיבת ספר תורה פאר א פרישע ספר תורה וואס גייט ווערן געשריבן פאר די קהילה.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער צו די דירה אין ירושלים, ווי ער האט אויפגענומען די חשובע גבאים פון בית המדרש היכל הקודש ירושלים און אדורך מיט זיי וויכטיגע פרטים וויאזוי צו פירן דעם הייליג'ן בית המדרש.

אויך האט דער ראש ישיבה געשריבן פרישע בריוון פאר אנשי שלומינו וואס ווארטן אויף תשובות פאר זייערע שאלות.

מאנטאג אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית אין בית המדרש היכל הקודש, נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען די סיום הש"ס פון הבחור שמואל פאלאק נרו יאיר, און דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט די חשיבות פון ענדיגן ש"ס וואס דאס ברענגט אויף א מענטש אלעס גוטס.

שפעטער איז דער ראש ישיבה אריבער צום תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים און פארציילט פאר די קינדער וויאזוי דער הייליגער רבי איז צוגעקומען צו ווערן אזוי גרויס, דאס איז נאר ווייל אין די יונגע יארן האט ער אסאך גערעדט צום אייבערשטן, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן זאל אים ווייזן אז ער הערט אים אויס, און דער אייבערשטער האט אים טאקע געוויזן.

דערנאך האבן די קינדער פארציילט שיינע מעשיות פון תפילה וואס זיי האבן געהאט, אויך האבן די קינדער פארציילט פריילעכע וויצן פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט אז מען האלט זיך פריילעך און פריש.

במשך דעם טאג האט דער ראש ישיבה אויפגענומען אסאך מענטשן וואס האבן געוואלט זיך אדורך רעדן פריוואט און הערן א עצה וויאזוי ארויסצוגיין פון זייערע פראבלעם וואס זיי גייען אדורך, וואס דאס האט גענומען גאר אסאך צייט ווילאנג אלע זענען אדורך.

ביינאכט איז פארגעקומען נאך א סיום הש"ס פון הבחור שמואל אייזיק נרו יאיר בן ר' שמעון עוזר פערל הי"ו גבאי בית המדרש היכל הקודש ירושלים, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שמועס פון די גרויסקייט פון לערנען תורה און נאך, און מיט דעם שמועס האט זיך דער ראש ישיבה געזעגנט פון אנשי שלומינו אין ארץ ישראל, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט יעדע מינוט צו זיין אינאיינעם מיט אנשי שלומינו וואס ברענגען צום אייבערשטן און ווילן נאר אז נאך א איד זאל אויך וויסן פון די ליכטיגע עצות און אנהייבן לעבן א זיס לעבן.

דער באזוך וועט זיכער זיין צו געדענקן פאר א לאנגע צייט, אנשי שלומינו אין ארץ ישראל האבן זיך אנגעזאפט מיט פרישע כוחות צו ווייטער לעבן מיט די עצות פון הייליג'ן רבי'ן.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

ארץ ישראל

## ספר "איש אמונות" תשפ"א אויף לשון הקודש גייט שוין צום דרוק




"גוטע נייעס קומט יעצט אן פון די בית הדפוס אין ארץ ישראל" - שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אין א בריוו פארגאנגענעם ערב שבת קודש, "זיי דרוקן יעצט דעם ספר 'איש אמונות' פון יאר תשפ"א; וואויל פאר די וואס נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים וואס דערפרייען אזוי שטארק אידישע קינדער".

די גוטע בשורה וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן, האט אויפגעוועקט א געוואלדיגע התרגשות ביי אלע וואס האבן נאר אמאל פארזוכט פונעם זיסן טעם פון די עצות און חיזוק פון ראש ישיבה שליט"א.

יעצט איז א היסטארישע מאמענט, מען גרייט זיך צו דרוקן דעם ערשטן ספר פון ראש ישיבה שליט"א אויף לשון הקודש.

דער ספר "איש אמונות" וואס איז שוין כמעט גרייט, וועט אנטהאלטן אלע בריוו פון יאר תשפ"א, און וועט יעצט בעזרת השם געדרוקט ווערן אין הערליכע בענדער.

די מפיצים האבן נישט געשפארט קיין כח און מיה אנצוגרייטן דעם הערליכן ספר צום דרוק, מען האט איבערגעזעצט און איבערגעארבעט די בריוו אויף א געשמאקע גרינגע שפראך.

אינעם ספר זענען אריין אלע בריוו פונעם יאר, די מכתבים כלליים, די פריוואטע בריוו, און אויך די בריוו פון "עצתו אמונה" אן די שאלות עס דארף אנגעמערקט ווערן אז פילע פון די בריוו ווערט יעצט געדרוקט צום ערשטן מאל.

אין די יעצטיגע טעג ארבעט מען אויף די לעצטע דעטאלן וואס מען דארף נאך ענדיגן צו קענען אריינגעבן דעם ספר צום דרוק.

טייערע אידן, זעט די ווערטער פון ראש ישיבה שליט"א "וואויל פאר די וואס נעמען א חלק צו דרוקן די ספרים", און ענטפערט אויפן רוף פון די טייערע מפיצים אין ארץ ישראל און רופט אייך אן מיט ווארימע נתינות און העלפט ארויסגעבן די ספרים לאור עולם, און מיט דעם וועט איר ממש אויפלעבן אידישע קינדער, און ראטעווען דורות. דער זכות וועט אייך זיכער ביישטיין צו אלע גוטע ברכות.

זיך צו משתתף זיין ביטע רופט 054-848-0941

**וואויל פאר די וואס נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים!**

# שטעטל נייעס

## פרייליכע ל"ג בעומר אין שטעטל



גאר א פרייליכע ל"ג בעומר איז פארגעקומען אין ברסלב'ע שטעטל, אנגעהויבן פון די ערשטע נאכט ל"ג בעומר ווען גלייך נאך מעריב, נאכן ציילן ספירה היום יום שלשה ושלושים יום, איז דער גאנצער עולם אינאיינעם ארויס מיט גאר פרייליכע טענץ, מען האט געטאנצן און געשפרינגען פאר א לענגערע צייט אויף די פרייליכע ל"ג בעומר ניגונים ווי בר יוחאי און אזוי ווייטער.

גאר פרי פארטאגס האט זיך א קבוצה אינגעלייט ארויסגעלאזט צום ציון פון הרב הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו אין קרית יואל, וואו מען האט געבעטן דעם אייבערשטן פאר זיך און פאר אנדערע אידן, זיי זאלן האבן אלעס גוטס.

שפעטער נאכמיטאג האט מען זיך אנגעהויבן גרייטן צום גרויסארטיגן הדלקה אין פארנט פון בית המדרש, די גבאים פון בית המדרש האבן צוגעשטעלט דעם הדלקה, עס זאל גוט ברענען און אין די זעלבע צייט זיין אפגעהיטן פון שאדנס.

ארום 6:30 האט זיך אנגעהויבן די מעמד הדלקה, אלע אינגעלייט האבן געהאט די זכיה צו גיסן אויל, דערנאך האט ר' העניך אינדיג הי"ו פארקויפט די זכות צו אנצינדן די הדלקה, ר' שבתי מזרחי הי"ו האט אפגעקויפט דעם זכות.

ר' שמעון איינהארן הי"ו פון שטעטל האט געשפילט די מוזיק, מען האט אנגעהויבן זינגען צוזאמען שטייטע ניגונים צו עפענען דאס הארץ צום אייבערשטן, און זיך קענען אביסל אויסגיסן דאס הארץ און בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך אלעס וואס מען דארף.

גלייך ווען מען האט אנגעצינדן די הדלקה האבן זיך אלע אויפאיינמאל - די טאטעס מיט די קינדער, ארויס געלאזט אין גאר פרייליכע טענץ, עס האט זיך געשפירט אזא פרייליכקייט אין די לופט, מען האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צו אזא גרויסע רבי'ן, וואס ווייזט אונז א וועג ארויס פון אלע שוועריקייטן, און לערנט אונז אויס צו גיין אלעמאל צום אייבערשטן.

אויך לערנט אונז דער הייליגער רבי א וועג צו קענען לערנען אלע ספרים, און ער שטופט ער אונז צו לערנען "זוהר און תיקונים" א גאנץ יאר, נישט נאר ל"ג בעומר.

נאך די פרייליכע טענץ אין חצר, איז מען אריין אין בית המדרש, ווי עס איז געווען צוגעגרייט דורך די חשובע פרויען צוזאמען מיטן בית התבשיל - א שיינעם סעודה לכבוד ל"ג בעומר, צוזאמען מיט א שבע ברכות פאר משפחת זעלקאוויטש און משפחת ברוין פון שטעטל.

ביים סעודה האט דער גבאי ר' אברהם הערש וועבערמאן הי"ו אויסגערופן אלע אינגעלייט וואס האבן זוכה געווען צו ענדיגן "תיקוני זוהר" אויף ל"ג בעומר.

דערנאך האט דער מנהל ר' אברהם משה שטראססער שליט"א ארום גערעדט פון ל"ג בעומר און פארציילט די מעשה פון די פארפאלק וואס האט זיך געוואלט גט'ן צוליב דעם וואס זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער נאך לאנגע יארן, און רבי שמעון האט זיי געזאגט בעפאר זיי גט'ן זיך זאלן זיי מאכן א גרויסע סעודה אזוי ווי זיי האבן געמאכט ביי די חתונה, ביי די סעודה איז דער מאן שיכור געווארן, אזוי אנגעטרינקענערהייט האט דער מאן געזאגט פאר זיין ווייב אז זי קען אהיים נעמען איר בעסטע זאך, און באלד דערנאך איז ער געפאלן אין א טיפע שלאף. האט זי געזאגט מען זאל אים אהיים נעמען צו איר טאטעס שטוב. ווען דער מאן האט זיך אויפגעוועקט אין געזען אז ער איז ביי זיין שווער אינדערהיים האט ער זיך זייער פארווינדערט און געפרעגט וואס דא גייט פאר, האט זי אים מסביר געווען אז זי האט פשוט אהיים גענומען די בעסטע זאך - וואס דאס איז ער, איר מאן. זענען זיי געגאנגען צו רבי שמעון און פארציילט דברים כהוויתן. ווען רבי שמעון האט דאס געהערט האט ער געזאגט אז יעצט וועלן זיי געהאלפן ווערן מיט קינדער, ווייל אז עס הערשט שלום אין שטוב דעמאלטס איז דא א ברכה פאר אלע ישועות ורפואות.

דער טאג וועט זיכער זיין צו געדענקן פאר א לאנגע צייט.



# מעשיות פון תפילה

## ישראל שלום זעלקאוויטש -קרית ברסלב:

שוין לאנגע צייט, זייט איך וואוין שוין אין שטעטל אין מיין נייע הויז אויף די מארקס גאס וואס איך בעט דעם אייבערשטן אז ס'זאל שוין זיין א שול מיט א מקוה נעבן מיין הויז, ווייל איך פלעג דארפן גיין א לאנגע צייט צום מקוה שבת צופרי' און איך גלייך שבת צו גיין אין מקוה און דערנאך צוריק אהיים גיין לערנען בשעת'ן אכטונג געבן אויף די קינדער.

יעדע מאל איך האב געטראכט וועגן דעם האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל שוין האבן א שול מיט א מקוה דא אויף דער גאס.

שכח אייבערשטער ענדליך האט מען געעפענט דעם נייעם בית המדרש "מקור השמחה" אהערגעשטעלט מיט א מקוה, וואס דאס פארגרינגערט גאר שטארק פאר מיר און יעדעם איינעם וואס וואוינט אויף דעם גאס.

## שמעון עוזר גרינפעלד - וויליאמסבורג:

איך ארבעט מיט לא"ו וואלטעד"ש. איין דאנערשטאג נאכמיטאג בין איך געווען אין איינע פון די גרויסע גראסעריס דא אין שטאט צו פאררעכטן עפעס מיט די קעמערעס, איך האב געדארפט איבערציען אפאר לאנגע פארדרייטע ווייערס, ווען פלוצלונג האב איך גערירט עפעס א ווייער, און ווי עס קוקט אויס איז עס געווען א וויכטיגע ווייער און אלע קאמפיוטערס פון די גראסערי' האט זיך אפגעהאקט.

מ'קען זיך פארשטעלן וויאזוי עס האט אויסגעקוקט, א פולע גראסערי' מיט מענער, פרויען און קינדער; ערב שבת די פארנומענסטע טאג פון וואך, און מען קען נישט ענדיגן קיין ארדערס, די גאנצע גראסערי' איז געקומען אויף אפשטעל און איך האב ניטאמאל געוויסט וואס איך האב נישט גוט געטון אז איך זאל קענען פרעגן מיין באלעבאס.

איך בין געווען אין א מצב וואס ווען איך האב ווען נישט די זאך פון אמונה און תפילה - אז איך ווייס אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און מאכט יעדע קליינע זאך, און אויב עפעס גייט נישט ווי איך וויל איז קיינער נישט שולדיג און איך קען בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיך שנעל מסדר זיין די מצב און קיינער זאל נישט שאדן האבן - וואלט איך ווען נישט געקענט דאס אדורך טראגן.

איך האב שטילערהייט שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די קאמפיוטערס זאל זיך שנעל אנצינדן און די גראסערי' זאל ווייטער פארן און ס'זאל נישט ווערן קיין גרויסע איבערקערעניש.

שכח אייבערשטער אז נאך לאנגע פופצן מינוט האט זיך עס צוביסלעך צוריק אנגעצונדן און אלעס איז צוריקגעגאנגען צו נארמאל. און די שענסטע זאך איז געווען אז כמעט קיינער האט נישט געכאפט אז עפעס איז פארגעגאנגען.

שכח אייבערשטער אז איך ווייס די זאך פון תפילה.

## יעקב האלצער - קרית יואל:

איך ארבעט מיט א קאמפאני וואס גרובט אויף פאר פרישע הייזער, מען האט געהאלטן אינמיטן א ארבעט אויף א פארנומענע גאס, במילא האט מען שוין פון פריער פרובירט צו זיין אויסגערעכנט מיט די ארבעט אז ס'זאל נישט שטערן די פארקער אויף דעם גאס.

די לעצטע מינוט האט מען זיך געכאפט אז מען האט פארגעסן פון רופן די לעקטער קאמפאני', ווייל דארט איז געווען דריי לעקטעריק שטאנגן, אבער אנקומען צו זיי קען זיך פארשלעפן א לאנגע צייט, און ביז זיי קומען אן נעמט נאך לענגער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך יא אלעס שטעלן אין פלאץ, זיי זאלן יא קומען אין צייט כדי אז אלעס זאל קענען פארן געשמאק, איך האב פרובירט מיט אנדערע קאמפאניס וואס קענען דאס אויך מאכן, אבער עס האט זיך גארנישט גערוקט, למעשה ביים סוף האב איך איינעם געכאפט, איך האב אים געשיקט א אימעיל, און ברוך השם נאך צען מינוט האט ער מיר צוריק געענטפערט אז ער גייט האבן זיינע ארבעטערס ביי דעם טאג וואס איך האב געדארפט.

שכח אייבערשטער פאר די מעשה פון תפילה.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

### פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן **דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב**; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז דִיר נִישְׁט פַּארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, בִּפְרָט פוּן דַיין שְׁלֶעכְטֶע ... - דֶער ס"מ וָואס רֶעדְט אַרַיין אִין דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, כְּאִילוּ אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב; **אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט**, פּוּנְקְט וִוי מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. לָאז שׁוֹין אָפּ דַיינֶע סְפֵיקוֹת וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים קוּמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע. 'עֲמָלֵק' בַּאטְרֶעפְט 'סָפֵק'; עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

פַארְצֵייל נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם דַיין עָבַר אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן מֶענְטְשְׁן; מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיין עָבַר.

זֶע צוּ בְּלַייבְּן הַיינְט אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן גֶעדֶערִינְג.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

* * *

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז אִיז צוּ צִינְדְן צְווֵיי אוֹיל לִיכְט כְּנֶגֶד זָכוֹר אוּן שָׁמוֹר, נָאךְ פִיר לִיכְט קֶעגְן דֶעם שֵׁם הוי"ה אוּן בַּיי יֶעדֶע קִינְד וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְט.

וֶוען מֶען וֵויילְט שַׁבָּת אִין דֶער פְרֶעמְד צִינְדְט מֶען צְווֵיי לִיכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיינֶע טֶעכְטֶער אוּן שְׁנִירְן, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן פַאר יֶעדְן לִיכְטִיג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

**א גוּט שַׁבָּת.**

# א שיחה

### פון דער ראש ישיבה שליט"א



## זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת

**לִכְבוֹד יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה בְּרֶענְגְן מִיר אַרָאפּ אַ שִׂיחָה בְּנוֹגֵעַ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת.**

**אֵיינְמָאל אִין אַ שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא דְוַיִסַע, פַּרְשָׁה א) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה: אֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, **"דִבְרֵי תּוֹרָה שֶׁנָּתַתִּי לָכֶם רְפוּאָה הֵם לָכֶם, חַיִּים הֵם לָכֶם", שֶׁנֶּאֱמַר: כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם, וְאוֹמֵר: רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ,** אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.

אַז דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, עֶר וִויל דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן פַאר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). הֵייבּ אָן זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אֵיין מַסֶכֶת נָאכְן צְווֵייטְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת פוּן אָנְהֵייבּ, דָאס זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

דָאס וָוארְט **מִשְׁנָה** אִיז דִי נוֹטְרִיקוֹן פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים ל, ד): **"הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"**, אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט דָאס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאגְט מֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, מֶען בַּאקֶענְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים שְׁפִּירְט מֶען **אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.**



# א מַעֲשֶׂה
## פוּן אַ צַדִיק

### קוּמֶען צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א): וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, וַוייל דוּרֶעכְן צַדִיק הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (זוֹהַר נָשֹׂא קכח, ע"א): **'אֲנָן בְּחַבִּיבוּתָא תַּלְיָא מִילְתָא'**, אוּנְזֶער גַאנְצֶע זַאךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין לִיבְּשַׁאפְט. הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט: **'אֲנָ"ן'** אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ**, דָאס הֵייסְט, כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ הָאבְּן.

אוּן דָאס גֶעשֶׁעהְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, קוּמֶען צוּם צַדִיק וָואס עֶר אִיז דִי 'שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל', מְמֵילָא גֵייט יֶעדֶענְ'ס בַּאזוּנְדֶערֶע שֵׂכֶל אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִיק, מְמֵילָא הֵייבְּט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָן לִיבּ צוּ הָאבְּן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער טָאג וָואס מֶען אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן זִיווּגִים, דַארְף מֶען אָבֶער וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, צוּ פוֹעֶלְ'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

***

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: אִיךְ וִויל זָאלְסְט זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ זַיין בַּיים צִיוּן, אוּן אוֹיבּ וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דֶעמָאלְטְס פוּן וואוּ דוּ זֶעהְסְט נָאר דֶעם צִיוּן, אֲפִילוּ פוּן מַארְק, זָאלְסְטוּ זִיךְ דָארְט אַוֶועק שְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּלִיבּ דִי בִּיטֶערֶע מַחְלוֹקֶת.

וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען בִּיז דֶעם קֶבֶר צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן עוֹלָם, נָאר מֶען זָאל וִויסְן אַז וואוּ מֶען שְׁטֵייט אִיז מֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל לֶעלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז אַמָאל גֶעפָאהְרְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶער דֶער וֶועג הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז צוּ אַ דָארְף לֶעבְּן לוּבְּלִין, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן פוּן לוּבְּלִין, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעהַאט דֶערְפוּן מוֹרָא'דִיגֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵק צוּ זַיין, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשְׁלְ'ט אַז עֶס אִיז דָא בַּיים רֶבִּי'ן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אַז דֶער טִישׁ פוּן רֶבִּי'ן צִיעֶט זִיךְ פוּן לוּבְּלִין בִּיז צוּ דֶעם דָארְף, אוּן וִוי בַּאלְד עֶר אִיז דֶער קְלֶענְסְטֶער תַּלְמִיד זִיצְט עֶר אוּנְטְן, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז בַּיים רֶבִּינְ'ס טִישׁ.

נָאךְ שַׁבָּת וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לוּבְּלִין, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעפְרֶעגְט: דָוִד! גֶעדֶענְקְסְט דִי תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט?! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי תּוֹרָה בִּיז אַהִין. וֶוען מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאוואוּנְדֶערְט.

(קונטרס "אשטארקע אמונה")



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 33

**פארזעצונג פון פריער:** אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף דִי גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער. דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק הָאבְּן גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם קַאפִּיטַאן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל זֵיי לָאזְן צוּרִיק גֵיין אוֹיפְ'ן הַאפְּן, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאט מֶען שוֹין אַרוֹיפְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי אַנְקֶערְס, אוּן דִי שִׁיף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְשְׁווִימֶען שְׁנֶעל צוּ וֶועלְכֶע זַייט דִי ווִינְט טְרָאגְט זֵיי, ווייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מִלְחָמָה וָואס הָאט זִיךְ שוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן.

...

מְ'הָאט גֶעהֶערְט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת פוּן שִׁיסֶערַייעֶן, בָּאמְבֶּעס אוּן קוֹילְן זֶענֶען גֶעפְלוֹיגְן פוּן אַלֶע זַייטְן, מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת פוּן מִלְחָמָה, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקְן, דֶער פַּחַד אוּן סַכָּנָה אִיז גֶעוֶוען אוּמְבַּאשְׁרַייבְלִיךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּעט.

ווִי גֶעזָאגְט הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעהַאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ לֶעק וַואסֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן אֵיין אַרַאבֶּער, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶעכֶער בַּיים קַאפִּיטַאן, הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אָן רְשׁוּת אַ שִׁיסְל שְׁוַוארְצֶע קַאוֶוע פַאר יֶעדְן פוּן זֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט.

זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אֲפִילוּ וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, ווייל זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין בֶּעט פַארְשְׁלָאסְן אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ. דָאס הָאבְּן זֵיי אָבֶער יָא גֶעהֶערְט אַז סְ'אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס טְרָאגְט דֶעם שִׁיף, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ אַהִין זֵיי וֶוערְן גֶעפִירְט.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ פָּארְט, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ צוּ גֶעווּאוִיר וֶוערְן וואוּ זֵיי זֶענֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז סְ'אִיז נִישְׁט אִיסְטַאנְבּוּל, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַרַאבִּישְׁן קֶעכֶער וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער לַאנְד הֵייסְט אַדַאל [הַיינְט אִיז עֶס אַנְטָאלְיֶע אִין טֶערְקֵיי].




**א גאס אין שטאט אדאל, טערקיי**

זֵיי הָאבְּן שוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי מִנְהָגִים פוּן יֶענֶעם לַאנְד, אַז וֶוען עֶס קוּמְט זֵיי אוּנְטֶער אַ אִיד, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִים מַקְרִיב צוּ זַיין פַאר אַ קָרְבָּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַדַאל, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ, פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר, אוּן זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

דִי שִׁיף אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַדַאל פַאר דְרֵיי טֶעג, דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן דָארְט נָאךְ לֶענְגֶער, אָבֶער פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס הָאט אָפְּגֶערִיסְן דִי שְׁטְרִיקְן פוּן דִי אַנְקֶערְס, דִי אַנְקֶערְס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין יַם, אוּן דִי שִׁיף אִיז אַלֵיין אַוֶועקְגֶעשְׁוִימֶען פוּן דָארְט.

סְ'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶע גֶעשְׁרֵיי אוּן גֶעפִּילְדֶער צְווִישְׁן דִי אַרַאבֶּער אוֹיפְ'ן שִׁיף, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן "הַאמַאן הַאמַאן", דָאס מֵיינְט "גֶעוַואלְד גֶעוַואלְד".

דִי שִׁיף אִיז אַזוֹי גֶעפָארְן אָן קַיין קָאנְטְרָאל ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי שְׁטוּרֶעם ווִינְט הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטִילְט. זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אַז דֶער וֶועטֶער הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן גוּטְן רִיכְטוּנְג, דִי ווִינְט הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעשְׁלֶעפְּט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען ווִידֶער אָנְגֶעקוּמֶען בְּעֶרֶךְ אַ טָאג וַוייט פוּן שְׁטָאט עַכּוֹ.

נָאךְ אַ הַאלְבְּן טָאג הָאט ווִידֶער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁיף. דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן נֶעכְט אִין אַ צוּ, "**יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת**", דִי ווִילְדֶע כְוַואלְיֶעס הָאבְּן גֶעוָוארְפְן דֶעם שִׁיף אוֹיף אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, אוּן דֶער קַאפִּיטַאן אוּן דִי מַאטְרָאזְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שוּם וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ קָאנְטְרָאלִירְן דֶעם שִׁיף, "**יָחוֹגּוּ וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע**" (תְּהִלִים ק"ז, כ"ז).

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# קלאסיפייַדס

ברסלב
שטיצט
ברסלב

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

## HURLEYVILLE LEASING

AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

## K B Management

For all your property and landscaping needs

Call Shlome Yokobowitz

**718-306-2448**

## Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.

פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר

**ברוך אפעלדארפער**

914-705-9524

## KB Fish

**פרייליכע מעלדונג צו אלע חשובע געסט וואס קומען אויף יום טוב שבועות אין שטעטל.**

**מיר פארקויפן רויע און אזוי אויך געקאכטע פיש לויט אייער באשטעלונג.**

**רופט אריין מיט אייער ארדער ביז דעם קומענדיגן מאנטאג נאכט.**

**845-213-9723**

## Royal Family Shoes Loch Sheldrake

seeking assistant in the store to help with our customers (women/ girls).

Ready to train

Very positive environment

Call 845-659-0724

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה

**347-578-4449**

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

## KB Seamstress

**Professional Finish    Best Prices**

Have your job done in 1 week

Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price

All prices are given after job is done

Chassunah dresses not accepted

For your convenience we have in stock some basic accessories

Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083

---

**דירות פאר שבועות אין שטעטל**

**צו איינשטיין אין שטעטל פאר יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה**

**ביטע רופן משפחת מזרחי**
845-774-2426

---

**מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**
917-474-6118

---

**KB HEALTH**

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com



# ענטפערס פון פאריגע וואך




## ווער זענען זיי?

### פון רעכטס צו לינקס

1. שמואל ווערצבערגער
2. אלי' קנויל
3. שלום יצחק מאסרי
4. מענדל פריעד
5. ראש ישיבה שליט"א
6. ברוך מרדכי פעקעטע
7. אלימלך גראס
8. ישראל שלום רוטנער

# וואו און ווען איז דאס?



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

### די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם בלעטל פון פרשת במדבר

# טרעף

## די פאָלגנדע ווערטער

איינמאל יום טוב שבועות ווען רבי נתן האט
ארויס גענומען דעם ספר תורה פון ארון הקודש
האט ער זיך מוראדיג צופלאמט און אנגעפאנגען
צו טאנצן א נייע תורה

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ג | פ | צ | י | א | כ | ס | ל | ר | ל | ת | פ | י | ד | מ | ה | ה | ב | פ | ט | ה | ס | ג | נ | ט | מ | ט | א | פ | ש | ג | ע | י |
| ס | ע | ש | ט | מ | י | ג | ו | ג | י | י | ו | ו | ש | נ | נ | ע | כ | נ | ע | צ | י | ת | פ | ו | ש | ק | ת | צ | נ | ה | פ | ק |
| ג | כ | ת | מ | ב | ל | י | צ | ק | ב | מ | ו | ק | ר | ג | א | ק | ו | ר | ע | ב | מ | ק | ר | ב | ח | צ | ז | ד | נ | ג | ט | ש |
| ש | י | פ | פ | ח | ג | י | פ | ו | נ | מ | ע | פ | ר | ז | ט | ר | ת | ו | ב | ס | ר | א | ד | ב | ב | ב | ס | י | צ | י | מ | ב |
| צ | ל | ש | ו | ש | ז | ו | ש | ה | ח | ו | ס | ס | כ | ב | א | ו | צ | ו | ו | י | ד | נ | ת | כ | ע | ת | ע | ת | ל | ד | י | ו |
| ש | ב | מ | ד | י | ו | ש | ק | ו | ג | ל | צ | נ | ק | ו | ב | ז | ו | ל | ל | י | ש | ג | ג | ה | ח | ד | ל | ח | ו | ר | ט | ע |
| ת | ע | ה | ש | ח | ח | י | ק | ש | ו | ק | י | ל | ק | ל | ת | פ | ד | ל | ג | כ | ל | ע | ז | ו | ה | מ | נ | ז | פ | נ | א | ו |
| ד | צ | ג | ב | ל | א | ט | י | ז | ז | ל | ק | נ | ת | נ | ר | ד | י | ז | ס | צ | ש | פ | ו | מ | ט | ט | א | ט | ע | צ | צ | ת |
| ה | נ | מ | ב | ש | ר | ד | נ | ה | ק | ז | ט | ו | ו | ל | ס | ג | ג | ו | נ | ק | ש | א | צ | פ | מ | ו | ש | ב | ה | ת | ק | ב |
| מ | ת | י | ע | מ | ז | ת | ז | מ | ט | ק | י | א | ר | ב | ל | ל | ז | ע | ת | ז | ז | נ | ט | ג | א | ס | ק | ש | מ | מ | פ | ד |
| כ | י | ש | י | ה | ק | ו | ד | ש | ג | ד | י | ע | ה | ש | פ | ע | ח | ו | נ | ג | נ | ג | ט | ע | נ | נ | ד | ת | ת | ב | ו | א |
| נ | ט | ה | י | ט | ס | ת | ז | י | כ | י | ג | צ | כ | ר | ת | י | ז | ט | כ | ו | כ | ע | י | פ | י | ג | ה | א | י | פ | ס | פ |
| ה | ז | ק | נ | ה | ח | ו | מ | ו | נ | ו | כ | ה | ד | צ | ד | י | ת | י | ג | צ | מ | נ | ט | ה | ת | צ | ש | ש | א | י | ו | כ |
| ח | ט | כ | ו | ז | מ | ר | ד | מ | י | ב | ק | כ | ו | פ | צ | ב | ל | ה | פ | ד | ע | ע | ד | ל | כ | כ | ק | ר | ו | ו | ע | נ |
| כ | י | ע | פ | י | ד | ה | א | כ | ד | י | ז | א | ד | ע | ש | ב | ח | ה | א | ש | ע | י | נ | פ | נ | ש | צ | ר | ד | ש | כ | ר |
| ת | א | ל | ע | נ | ט | ל | צ | ו | פ | ל | א | מ | ט | כ | ר | נ | צ | נ | א | ט | ז | ו | ז | פ | מ | ע | א | ו | ו | צ | ע | ד |
| א | ג | ו | ה | פ | ק | א | ל | ס | ע | ח | א | ס | צ | ר | ר | א | ד | ג | ה | ר | ע | ה | ת | ו | ר | ה | ת | ת | ט | ק | ז | נ |



העלף
נחמן
נתן
אנקומען
צו זאגן
משניות






# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 | | | 4 | | |
| 5 | | | | | |
| | 3 | | | | |
| | | | | | 5 |
| | | | 3 | 1 | |
| | 4 | | | 6 | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 4 | 6 | | 1 | 3 | | |
| | | 6 | 4 | 8 | 7 | 5 | | |
| 7 | 9 | 8 | | | | 6 | 4 | 1 |
| 1 | 5 | | | 2 | | | 6 | 9 |
| | 3 | | 7 | | 5 | | 1 | |
| 8 | 4 | | | 6 | | | 3 | 5 |
| 2 | 7 | 3 | | | | 9 | 5 | 6 |
| | | 1 | 5 | 3 | 2 | 8 | | |
| | | 5 | 9 | | 6 | 1 | | |




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**כה.** עַל יְדֵי אֱמֶת יִזְכֶּה לְשֵׁם עוֹלָם.

**טייטש.** דוּרְךְ אֱמֶת וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נָאמֶען אוֹיף אֵייבִּיג.



# חידות
## אפטיילונג

דער הייליגער צדיק רבי שלמה מ'זעוויל זכותו יגן עלינו האט זיך אויסגעדרוקט: "א מענטש וואס לערנט נישט גמרא, יענעם טאג:

א. וועט ער האבן א שאדן

ב. וועט ער זיך קריגן מיט מענטשן

ג. האט ער א פנים ווי א הינט רחמנא לצלן

ד. וועט ער זיין טרויעריג

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** איינמאל יום טוב שבועות ווען רבי' נתן האט ארויס גענומען דעם ספר תורה פון ארון הקודש האט ער זיך מורא'דיג צופלאמט און אנגעפאנגען צו טאנצן:

**ענטפער:** א נייע תורה! א נייע תורה!

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**הדס רייזל קויפמאן תחי' - טשעסטער**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161



# בילדער
## אפטיילונג


דער ראש ישיבה ביים דאווענען מעריב אין לופטפעלד


ביים שרייבן א בריוו פאר אנשי שלומינו אין לופטפעלד


ביים שמועסן מיט אנשי שלומינו אין מירון אונטערן ציון - מיטוואך בהר ערב ל"ג בעומר תשפ"ב


דער ראש ישיבה ביים מתפלל זיין אינדרויסן פון ציון - מיטוואך בהר ערב ל"ג בעומר תשפ"ב


ביים אדורך גיין די ציון אינעם ספעציעל וועג


דער ראש ישיבה ביים אויסזאגן תהילים אינדרויסן פון ציון - מיטוואך בהר ערב ל"ג בעומר תשפ"ב



מען טאנצט און מען פריידט זיך צוזאמען ל״ג בעומר ביינאכט



ביים סעודה ל״ג בעומר ביינאכט תשפ״ב



די ציבור ביים סעודה



הרה״צ מקארלסבורג שליט״א ביים משמיע זיין דברות קודש לכבוד די הילולא



דער ראש ישיבה שליט״א זינגט ווארימע ניגונים



ביים טאנצן פרייליך אפאר שעה



ביים טאנצן אינטערן חצר מיט טויזענטער אידן



פאר די גרויסע הדלקה צווייטע נאכט ל״ג בעומר


ביים אפשערן אין מירון הילד יעקב נחמן בן ר׳ ברוך נויסבוים הי״ו


ביים ציון פון מוהרא״ש זי״ע מוצאי שבת בהר


סעודת מלוה מלכה ביי הרב רבי יצחק לעסער שליט״א מוצאי שבת בחוקותי אין יבנאל


דער ראש ישיבה איז מכובד געווארן צו בענטשן


ביים ציון פון רבי חייא אין טבריה - זונטאג בחוקותי


ביי די תלמידי בעל שם טוב אין טבריה


ביים ציון פון רבי עקיבא אין טבריה


ביים ציון פון של״ה הקדוש אין טבריה



ביים ציון פון רמב״ם אין טברי״



ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טברי״





שיעור אין היכל הקודש ירושלים - זונטאג בחוקותי



סיום הש״ס פון א בחור פון אנשי שלומינו



סיום הש״ס פון א אינגל פון אנשי שלומינו



ביים טאנצן מיט די וואס האבן מסיים געווען



התחלת כתיבת ספר תורה



שחרית מאנטאג אינדערפרי אין היכל הקודש ירושלים




סיום הש"ס פון הבחור שמואל פאלאק נרו יאיר



ביים שרייבן בריוון אין די אכסניא אין ירושלים



אויפ'ן וועג צום תלמוד תורה אין ירושלים



ביים אנקומען אין תלמוד תורה



ביים געבן א שמועס פאר די קינדער אין תלמוד תורה





א שיעור מאנטאג נאכט צוזאמען מיט א סיום הש"ס פון הבחור
שמואל אייזיק נ"י בן ר' שמעון עוזר פערל הי"ו גבאי בית המדרש



שיינע הדלקה אין תלמוד תורה קרית ברסלב, צוזאמען
מיט די קינדער פון תלמוד תורה קרית יואל



ר׳ יואל טייטלבוים מלמד פון חדר אין קרית יואל ביים
אנצידן דעם הדלקה




סעודת ל״ג בעומר אין היכל הקודש וויליאמסבורג




הדלקה אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים



ביים אנצינדן די הדלקה אין שטעטל



פרייליכע טענץ לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי



לעבעדיג לעבעדיג



סעודת ל״ג בעומר נאכן הדלקה אין שטעטל, דער מנהל
ר׳ אברהם משה שטראססער הי״ו טרעט אויף

# בילדער ארכיון

## שבועות תשפ"א
## אין קרית ברסלב
## ליבערטי



מען גרייט צו דעם בית המדרש לכבוד שבועות



די הערליכע חופה וואס ר' אייזיק אפפעל האט אהערגעשטעלט



ר ישעי' איידליס הי"ו  ביים בויען א בימה פאר'ן בלעמער



סיום מסכת סוטה און שבועות ערב יו"ט שבועות אין שטוב פון ר' אברהם הערש וועבערמאן הי"ו





מען טאנצט מיט די נייע ספר תורה מוצאי יום טוב